בעזרת השם יתברך

גליון
# שיעורי חינוך
פונעם ראש ישיבה שליט"א

פּראקטישע עצות און הדרכה פאר עלטערן, מלמדים, מחנכים און מחנכות

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון א'

פרשת תרומה תשפ"ג

## אַריינפיר

מיט לויב צום אייבערשטן געבן מיר ארויס דעם נייעם רייכן גליון "**שיעורי חינוך - פונעם ראש ישיבה שליט"א**", וואס ענטהאלט פילע פּראקטישע עצות און הדרכות פאר עלטערן, מלמדים, מחנכים און מחנכות.

דער נאמען פונעם ראש ישיבה שליט"א איז שוין היינט ברייט באקאנט פאר פילע מלמדים און מחנכים פון די גאנצע וועלט וואס פרעגן אן זייערע שאלות, ספיקות, הדרכה און עצות בעניני חינוך פונעם ראש ישיבה, און דער ראש ישיבה ענטפערט די אלע שאלות אין די בריוון, אויך גיבט דער ראש ישיבה וועכנטליך א שיעור התחזקות פאר מלמדים און לערערינס, וואס עס האלט שוין יעצט ביי איבער הונדערט דרשות, בנוסף לזה רעדט דער ראש ישיבה חיזוק פאר מלמדים יעדן טאג פאר אפאר מינוט נאכן דף שיעור.

דערפאר האבן מיר אן מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף ארויסצוגעבן דעם וועכנטליכן גליון "**שיעורי חינוך - פונעם ראש ישיבה שליט"א**", וואו עס וועט יעדע וואך ווערן אראפּגעברענגט אויסצוגן פון דרשות און חיזוק, און עטליכע בריוון בעניני חינוך.

דער אייבערשטער זאל העלפן עס זאל אויפטון די ריכטיגע פּעולה, מיר זאלן קענען מחנך זיין אונזערע קינדער בדרך התורה, אויף די וועג פון די הייליגע צדיקים זכותם יגן עלינו.

## שיעורים אין חינוך

זונטיג פּרשת וארא תשפ"ג אין עיה"ק ירושלים תובב"א

**ווען דער ראש ישיבה שליט"א האט באזוכט אין ארץ ישראל, דעם פארגאנגענעם שבת קודש פּרשת שמות שנת תשפ"ג לפרט קטן, האט דער ראש ישיבה שליט"א צוזאמגענומען אלע מחנכים פון מוסדות היכל הקודש אין ארץ ישראל, זונטאג פּרשת וארא, און גערעדט צו זיי הערליכע התחזקות וואס איז נוגע פאר יעדן מחנך און מחנכת, און אויך פאר עלטערן פון קינדער. (דער ראש ישיבה האט אנגעהויבן מיט א לענגערע רייכע הקדמה, וואס מיר וועלן אם ירצה השם דרוקן אין א אנדערע געלעגנהייט, יעצט לייגן מיר אייך פאר די ערשטע חלק פון די גאר וויכטיגע הדרכה וואס דער ראש ישיבה האט דעמאלט געזאגט).**

### אריין לייגן אין די קינדער 'אמונה אין זיך'

איך זאג אלץ פאר די מלמדים און די לערערינס, די וויכטיגסטע זאך איז: אריין לייגן אין די קינדער 'אמונה אין זיך'; איבעראל רעדט מען צו די קינדער פונעם אייבערשטן, אבער אויב איז דאס קינד צעשלאגן און צעקלאפּט ביי זיך, נעמט ער גארנישט אן, ער טראכט אז די אלע דיבורים וואס ער הערט זענען שיינע דרשות פאר דעם חבר און פאר יענעם חבר, אבער 'פון מיר וועט שוין גארנישט זיין'.

קיינער ווייסט נישט וואס עס טוט זיך ביי אידישע קינדער אינדערהיים, דאס וואס מענטשן זעען אויס אינדרויסן פיין און מסודר, קען זיין אז זיי שפּילן א שיינע שפּיל. א אינגערמאן וואס שרייעט ביים דאווענען, קען זיין אז אינדערהיים שרייעט ער אויף די קינדער... די ווייבל וואס נעמט זייער שיין אויף יעדן און שמייכלט צו יעדן אין ווייבער שול, קען זיין אז אינדערהיים האט זי נישט קיין געדולד צו אירע קינדער, און הערט נישט אויף צו שרייען אויף זיי...

ווען קינדער ווערן צעקלאפּט אינדערהיים האבן זיי נאכדעם קיין שום אינטערעסע צו לערנען, צו מוסר און דרך ארץ. דערפאר איז די 'ערשטע' און די 'לעצטע' וויכטיגסטע זאך, אז יעדעס קינד מוז באקומען פונעם מחנך און לערערין א 'גוט ווארט'.

### נישט מאכן קיין אונטערשייד צווישן די קינדער

מען דארף זייער אכטונג געבן מען זאל זיך נישט לאזן נארן, דער רבי זאגט (לקוטי מוהר"ן חלק א, סימן א) ווען איינער האט 'חן' איז דא פּלאץ אין הארץ, אזוי ווי מען זעט, ווען איינער בעט איינעם א טובה, אויב האט דער מענטש 'חן', גייען זיינע רייד אריין אין הארץ, און מען הערט אויס זיין געבעט, און אויב איז נישט דא קיין 'חן' וועט מען נישט אויסהערן זיין געבעט, עס איז נישט דא קיין פּלאץ אין הארץ פאר יענעמ'ס געבעט.

קען פּאסירן ביי מלמדים מען זאל זיך נישט כאפּן, עס קומען אין חדר קינדער מיט רינידיגע נעזער (אזוי רופט מען עס אין אמעריקע), וואס ציען נישט דעם הארץ פונעם מלמד, איז ווען דער מלמד ווערט אביסל איבער געשטרענגט און נערוועז, גיבט ער זיך אויס אויף די סארט קינדער, ווידער די בא'חנ'טע קינדער כאפּט מען נישט אז ער שטערט, און מען כאפּט נישט אז ער איז געקומען שפּעט, ווייל עס איז דא חן.

דארף מען זייער אכטונג געבן מען זאל נישט מאכן קיין אונטערשייד צווישן די קינדער, אלע קינדער זאלן באקומען גוטע ווערטער, אלע קינדער זאלן באקומען דעם זעלבן 'גוט מארגן', דעם זעלבן 'שמייכל', און דעם זעלבן 'מתנה'.

### התבודדות אויף יעדן קינד

פונקט די וואך האב איך געזען א בריוו אין 'אשר בנחל' פון די ערשטע יארן ווען מען האט זיך אריין געצויגן אין 'יבנאל', שרייבט מוהרא"ש זכותו יגן עלינו פאר א מלמד: "**תתבודד בכל יום על כל ילד דקה**", יעדן טאג איידער דו גייסט אריין אין כתה, מאך

המשך אין עמוד ב' >>>

# שִׁעוּרִים אִין חִנּוּךְ

זוּנְטִיג פַּרְשַׁת וָאֵרָא תשפ"ג אִין עִיה"ק יְרוּשָׁלַיִם תובב"א

>>> המשך פון ערשטע עמוד

הִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדְן קִינְד אֵיין מִינוּט, מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט אִים, **"אַז דוּ הָאסְט צְוָואנְצִיג תַּלְמִידִים מַאךְ צְוָואנְצִיג מִינוּט הִתְבּוֹדְדוּת!"**

דֶער דוֹר אִיז שׁוֹין גֶעפַאלְן זַייט דֶעמָאלְט, אוּן נִישְׁט יֶעדֶער קֶען מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת אוֹיף יֶעדְן קִינְד אַ גַאנְצֶע מִינוּט, קֶען מֶען עֶס אַרָאפְּלָאזְן צוּ 'צְוָואנְצִיג סֶעקוּנְדֶעס, צוּ 'צֶען סֶעקוּנְדֶעס; אָדֶער כָאטְשׁ עֶפֶּעס, זָאג אַרוֹיס אַ וָוארְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ גֵיי אַרַיין אִין כִּתָּה, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען אוֹיפְלֶעבְּן דִי קִינְדֶער אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי קִינְדֶער"**,

### קוּמֶען צֵייטְלֶעךְ

עֶס אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר וִויכְטִיג פַאר מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס צוּ קוּמֶען צֵייטְלֶעךְ; מֶען קֶען נִישְׁט אָנְקוּמֶען נָאךְ דִי קִינְדֶער! עֶס אִיז טַאקֶע אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ, אָבֶּער אִיךְ זָאג עֶנְק 'אִין דֶעם לִיגְט דִי הַצְלָחָה!'

### דָאס אִיז מַיין הוֹיז, מַיין אָפִּיס

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵד אִין אַ אַנְדֶערֶע מוֹסָד, אִיז גֶעוֶוען אַ גוֹי וָואס אִיז גֶעוֶוען מְמוּנֶה אוֹיפְצוּרוּימֶען דֶעם בִּנְיָן פַארְ'ן קוּמֶענְדִיגְן טָאג, פְלֶעגְט זִיךְ אָפְט מַאכְן וֶוען מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען אִינְדֶערְפְרִי, אַז אַלֶע כִּיתּוֹת זֶענֶען אִיבֶּער גֶעדְרֵיידְט, דֶער גוֹי אִיז נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען; דָאס אִיז דָאךְ אַ גוֹי, אֵיין מָאל אַ וָואךְ שִׁיכּוֹרְ'ט עֶר זִיךְ אָן, אוּן עֶר הָאט זַיינֶע חַגָּאוֹת. פְלֶעגְט זַיין מְלַמְדִים וָואס הָאט זֵיי גָארְנִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט, זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צוּם מְנַהֵל זָאגְן: **"מֶען גֵייט נִישְׁט אַרַיין אִין כִּתָּה, בִּיז עֶס אִיז שֵׁיין אוֹיפְגֶערוּימְט"**, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער גֶעהַאט בַּיי מִיר אִין כִּתָּה אַ בֶּעזֶעם מִיט אַ שָׁאוְול, אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען יֶעדְן טָאג אַפָּאר מִינוּט פְרִיעֶר, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט: **'אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין טוֹבוֹת פוּנֶעם גוֹי, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קֵיינֶעמְ'ס הִילְף, דָאס אִיז דָאךְ מַיין הוֹיז, מַיין אָפִּיס'**, אוּן אִיךְ פְלֶעג אַלֵיינְס אוֹיפְרוּימֶען דִי כִּתָּה פַאר דִי קִינְדֶער זֶענֶען גֶעקוּמֶען.

אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעקוּמֶען אִין חֶדֶר צוּ וַוארְטְן: 'וֶוען קֶען אִיךְ שׁוֹין אַהֵיימְגֵיין'... אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען דָא לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, הָאבּ אִיךְ אַלֶעס שֵׁיין מְסַדֵר גֶעוֶוען אוּן אוֹיפְגֶערוּימְט פַאר דִי קִינְדֶער זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען.

### זִיךְ אָנְגְרֵייטְן וָואס מֶען גֵייט לֶערְנֶען

אוֹיךְ דַארְף מֶען זִיךְ אָנְגְרֵייטְן יֶעדְן טָאג וָואס מֶען גֵייט הַיינְט לֶערְנֶען; מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט כַאפְּן אִינְמִיטְן טָאג: **'אוֹי, אִיךְ הָאבּ נָאךְ דְרֵיי שָׁעָה, וָואס טוּ אִיךְ יֶעצְט?'**

אַז מֶען אִיז נִישְׁט אָנְגֶעגְרֵייט רִיכְטִיג אָנְהֵייבּ טָאג וָואס מֶען גֵייט טוּן דֶעם טָאג, קוּמְט אוֹיס אַז מֶען טְרֶעפְט זִיךְ אִינְמִיטְן טָאג אָן הָאבְּן וָואס צוּ טוּן, אוּן מֶען הֵייבְּט אָן שְׁטִיפְּן דִי צַייט; מֶען טָאר נִישְׁט סְתַם אַזוֹי שְׁטִיפְּן צַייט מִיט קִינְדֶער, זֵיי זֶענֶען דָאךְ אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת. דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֶען פוּן פָארְאוֹיס אוֹיסְצוּרֶעכֶענֶען פּוּנְקְטְלִיךְ אַ סֵדֶר הַיוֹם פַארְ'ן גַאנְצְן טָאג, וָואס אִיךְ גֵיי הַיינְט רֶעדְן, אוּן וָואס גֵיי אִיךְ הַיינְט פָארְלֶערְנֶען.

דֶער 'סֵדֶר הַיוֹם' וִוי אַזוֹי אוֹיסְצוּשְׁטֶעלְן דֶעם טָאג, וִוילַאנְג אַ קִינְד קֶען זִיצְן אִין אֵיין צוּ אוֹיף זַיין פְּלַאץ, דָאס דַארְף מֶען פְרֶעגְן בַּיים מְנַהֵל, אוּן דֶער מְנַהֵל דַארְף זִיךְ נָאכְפְרֶעגְן בַּיי אַנְדֶערֶע מוֹסְדוֹת; יֶעדֶע יָארְגַאנְג אִיז אַנְדֶערְשׁ, בַּיי דִי גָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער דַארְף מֶען מַאכְן מֶער הַפְסָקוֹת וִוי דִי קִינְדֶער קֶענֶען זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן פוּן פְּלַאץ, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

### דֶערְצֵיילְן סִיפּוּרֵי צַדִיקִים

עֶס אִיז מוֹרָא'דִיג וִויכְטִיג, אַז דֶער מְלַמֵד אוּן לֶערֶערִין זָאלְן זִיךְ אָנְגְרֵייטְן צוּ דֶערְצֵיילְן 'סִיפּוּרֵי צַדִיקִים'; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רמח): **"דַע, שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִיקִים, הוּא דָבָר גָּדוֹל מְאֹד"**, פַארְצֵיילְן מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, **"כִּי עַל יְדֵי סִפּוּרִים מִצַּדִיקִים, נִתְעוֹרֵר וְנִתְלַהֵב הַלֵּב בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בְּחֵשֶׁק נִמְרָץ מְאֹד"**, וַוייל וֶוען מֶען הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִיק וֶוערְט דָאס הַארְץ אוֹיפְגֶעפְלַאמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַ שְׁטַארְקֶע חֵשֶׁק צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וֶוען מֶען זֶעט צוּ וָואס דֶער צַדִיק הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר אִיז בֵּייגֶעשְׁטַאנֶען אַלֶע זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן מֶען וִויל אוֹיךְ וֶוערְן אַ צַדִיק.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַלֵיינְס הָאט דֶערְצֵיילְט וִוי אַזוֹי עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אָנְצוּהֵייבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים. עֶס אִיז הַיינְט דָא אַזוֹיפִיל סְפָרִים מִיט דֶערְצֵיילוּנְגֶען פוּן צַדִיקִים, לֵיין מַעֲשִׂיוֹת פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, פוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן פוּן זַיין בְּרוּדֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' זוּשָׁא זִי"עַ, אוּן פוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע צַדִיקִים, וֶועסְטוּ דָאס קֶענֶען אִיבֶּער דֶערְצֵיילְן אִין כִּתָּה.

אִין דִי מַעֲשִׂיוֹת לֵייגְט מֶען שׁוֹין אַלֶעס אַרַיין, מֶען דְרֵיידְט שׁוֹין אַרַיין אִין דִי מַעֲשִׂיוֹת פוּן תְּפִלָּה, הִתְבּוֹדְדוּת, יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן קְדוּשָׁה. מֶען דַארְף נִישְׁט מַאכְן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע צַייט וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה אוּן קְדוּשָׁה, דָאס וֶוערְט אוֹטָאמַאטִישׁ אַרַיין גֶעדְרֵיידְט אִין דִי מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים.

### אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִיק בַּיים שַׁבָּת טִישׁ

דָאס אִיז נִישְׁט נָאר גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן פַאר מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס, דָאס אִיז אוֹיךְ גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן פַאר עֶלְטֶערְן פוּן קִינְדֶער, אַ טַאטֶע דַארְף זִיךְ אָנְגְרֵייטְן פַארְן שַׁבָּת טִישׁ אַ 'מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִיק'; יֶעדְן דָאנֶערְשְׁטָאג אוּן פְרַייטָאג טְרַאכְט אִיךְ שׁוֹין וֶועלְכֶע מַעֲשֶׂה וֶועל אִיךְ דֶערְצֵיילְן דִי וָואךְ בַּיים שַׁבָּת טִישׁ, אִיךְ חַזֶר זִיךְ אַיין דִי מַעֲשֶׂה אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אַז אִיךְ זָאל עֶס נִישְׁט פַארְגֶעסְן, אוּן בִּשְׁעַת דִי סְעוּדָה שְׁמוּעֶסְט מֶען פוּן דֶעם אוּן יֶענְץ, אִינְמִיטְן דֶערְצֵייל אִיךְ אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִיק, אַמָאל בַּיי דִי פִישׁ, אַמָאל בַּיי דִי זוּפּ אוּן אַמָאל בַּיי דִי פְלֵיישׁ, יֶעדֶע וָואךְ אַנְדֶערְשׁ, אָבֶּער דִי מַעֲשֶׂה אִיז מִיר נִישְׁט יֶעצְט בֵּייגֶעפַאלְן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ דָאס נִישְׁט פּוּנְקְט יֶעצְט דֶערְמַאנְט, נָאר בַּיי דִי גַאנְצֶע סְעוּדָה יָאגְט מִיר אִין קָאפּ אַז דִי מַעֲשֶׂה דַארְף אִיךְ דֶערְצֵיילְן.

עֶס אִיז גֶענוּג צוּ דֶערְצֵיילְן אַ קְלֵיינֶע מַעֲשֶׂה'לֶע, אָבֶּער מֶען מוּז דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים, דָאס פְלַאמְט אוֹיף דָאס הַארְץ פוּן דִי קִינְדֶער.

### דֶער גַאנְצֶער טָאג אִיז אֵיין שְׁטִיק אֱמוּנָה

אֵיינֶער הָאט מִיר אַמָאל גֶעפְרֶעגְט: **"וִויפִיל צַייט דַארְף מֶען אַוֶועק גֶעבְּן פוּנֶעם טָאג צוּ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן אֱמוּנָה? אוּן וֶוען אִיז גֶעאֵייגְנְט דִי צַייט פַאר דֶעם?"** הָאבּ אִיךְ אִים צוּרִיק גֶעפְרֶעגְט: **"וֶוען אִיז דִי צַייט צוּ אָטֶעמֶען?..."** עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין צַייט וֶוען מֶען רֶעדְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַ צַייט וָואס מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, חַס וְשָׁלוֹם, דֶער גַאנְצֶער טָאג אִיז אֵיין שְׁטִיק אֱמוּנָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט אִין 'אֲשֶׁר בַּנַחַל', אַז עֶס זֶענֶען דָא לוֹמְדִים וָואס בִּשְׁעַתְ'ן לֶערְנֶען גְמָרָא קֶענֶען זֵיי זִיךְ צֶעשְׁרֵייעֶן: **"יֶעצְט לֶערְנְט מֶען, לֵייג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי זַייט!"... "הֶער אוֹיף צוּ רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זַיי מִיר מַסְבִּיר דֶעם תּוֹסְפוֹת"**... חַס וְשָׁלוֹם אַזוֹי צוּ רֶעדְן! דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי עֲקִיבָא אֵייגֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן דֶער הֵיילִיגֶע חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְן זִיךְ אוֹיסְדְרוּקְן בִּשְׁעַת זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט דִי שְׁוֶוערֶע סֻגְיוֹת אִין מַסֶכֶת בָּבָא קַמָּא: **"'אַבַּיֵי' זָאגְט אַז דֶער 'אֵייבֶּערְשְׁטֶער' וִויל מֶען זָאל אַזוֹי טוּן, אוּן 'רָבָא' זָאגְט אַז עֶר פַארְשְׁטֵייט פוּן אַ פָּסוּק אַז דֶער 'אֵייבֶּערְשְׁטֶער' וִויל מֶען זָאל אַנְדֶערְשׁ טוּן"**.

וָואס אִיז חוּמָשׁ? וָואס אִיז גְמָרָא? וָואס אִיז רַשִׁ"י? וָואס אִיז תּוֹסְפוֹת? אַלֶעס אִיז אֵיין זַאךְ, מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה צוּ גֶעוואוֹיר וֶוערְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, דִי גַאנְצֶע טָאג דְרֵיידְט זִיךְ אַרוּם אֱמוּנָה.

### אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן גֶעוִוינֶען גוֹרָלוֹת

וֶוען מֶען מַאכְט גוֹרָלוֹת גֶעבּ אִיךְ אַ הֶיתֵּר אַז מֶען דַארְף נִישְׁט מַאכְן קַיין אֶמֶתְ'עֶ גוֹרָלוֹת, דֶער מְלַמֵד אוּן דִי לֶערֶערִין דַארְפְן זִיכֶער מַאכְן אַז יֶעדֶעס קִינְד גֶעוואוּנְט, כְּדֵי אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן בַּאלוֹינְט וֶוערְן, נִישְׁט נָאר דִי קִינְדֶער וָואס הָאבְּן 'מַזָל' צוּ גֶעוואוּנֶען גוֹרָלוֹת.

אִיךְ הָאבּ פוּן דִי צְוֵויי יָאר בִּיז מַיין חֲתוּנָה קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוואוּנֶען קַיין גוֹרָלוֹת, מַיין נָאמֶען אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרוֹיס גֶעקוּמֶען בַּיי קַיין שׁוּם גוֹרָל, אִיךְ הָאבּ אַלְץ גֶעוואוּסְט אַז אַ 'גוֹרָל' הָאט גָארְנִישְׁט מִיט מִיר, אִיךְ גֵיי נִישְׁט גֶעוואוּנֶען, יֶעדֶער גֶעוואוּנְט טֵייעֶרֶע זַאכְן, מַתָּנוֹת אוּן סְפָרִים אוּן מַיין נָאמֶען קוּמְט נִישְׁט אַרוֹיס. אִיךְ הָאבּ עֶס קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶענוּמֶען צוּם הַארְצְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוֵויינְט, וַוייל מַיין מַאמֶע הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אִינְדֶערְהֵיים אַזוֹיפִיל

המשך אין עמוד ג' >>>

# חִיזוּק פַאר מְלַמְּדִים

אַרױסגֶענוּמֶען פוּנֶעם 'דַף שִׁיעוּר' פוּנֶעם ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

אַ טָאג נָאכְדֶעם וָואס דֶער ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעמַאכְט אַ 'שִׂמְחַת שֶׁבַע בְּרָכוֹת' פוּן זַיין זוּן נֵרוֹ יָאִיר, הָאט דֶער ראש יְשִׁיבָה גֶעזָאגְט בַּיים דַף שִׁיעוּר פַאר דִי מְלַמְּדִים:

**מְלַמְּדִים גֵייעֶן נִישְׁט צוּ קֵיין שִׂמְחוֹת**

זַייט נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר אַז אִיךְ הָאבּ עֶנְק נִישְׁט גֶערוּפְן נֶעכְטְן צוּ דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת; אִיךְ רוּף נִישְׁט קֵיין מְלַמְּדִים צוּ קֵיין שִׂמְחוֹת, מְלַמְּדִים טָארְן נִישְׁט גֵיין צוּ קֵיין שִׂמְחוֹת! שִׂמְחוֹת פוּן נָאנְטֶע קְרוֹבִים דַארְף מֶען גֵיין, צוּם בַּיישְׁפִּיל, פוּן בְּרִידֶער, שְׁוֶועסְטֶער, שְׁוָוֶאגֶערְס אוּן שְׁוֶועגֶערִינְס, אָבֶּער עֶרְשְׁטֶע קָאזִינְס אוּן וַוייטֶער טָאר מֶען נִישְׁט גֵיין.

אַז דָאס אִיז צוּ אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ קֶען מֶען זִיךְ זוּכְן אַן אַנְדֶערֶע דְרָשָׁא... אַ מְלַמֵּד פַאר קִינְדֶער מוּז זַיין אוֹיסְגֶערוּט, מֶען דַארְף שְׁלָאפְן גֶעהֶעְרִיג, אַז מֶען שְׁלָאפְט נִישְׁט גֶעהֶעְרִיג אִיז מֶען אַן (יִרְמְיָהוּ מח, י): **"עֹשֶׂה מְלֶאכֶת ה' רְמִיָּה"** (שֻׁלְחָן עָרוּךְ יוֹרֶה דֵעָה, סִימָן רמה, סְעִיף יז).

דֶער וָואס אַרְבֶּעט בַּיי עֶמֶעזָאן וְכַדוֹמֶה, וֶועט גָארְנִישְׁט גֶעשֶׁען אוֹיבּ עֶר אַרְבֶּעט מִידֶערְהֵייט, הֶעכְסְטֶנְס וֶועט עֶר אֵיינְשְׁלָאפְן צְווִישְׁן דִי בָּאקְסֶעס... אָבֶּער אַ מְלַמֵּד דַארְף הָאבְּן דִי וֶועלְט'ס גֶעדוּלְד צוּ קִינְדֶער, אוּן אַז מֶען אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶערוּט, מֶען אִיז מִיד, קֶען מֶען זַיין אַ פְּשׁוּט'עֶר רוֹצֵחַ פַאר דִי קִינְדֶער, וֶועסְט טוּן אַ גַאנְצֶע טוֹבָה אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט שְׁלָאגְן דֶעם קִינְד, אָבֶּער וֶועסְט אִים אוֹיפְהֵייבְּן בַּיים קָארְג אוּן שְׁלֶעפְּן...

עַל כָּל פָּנִים, דָא אִין 'מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ' קֶען מֶען נִישְׁט זַיין אַ מְלַמֵּד אוֹיבּ מֶען שְׁלָאפְט נִישְׁט גֶעהֶעְרִיג, נָאךְ מַעֲרִיב גֵייט מֶען אַהֵיים, מֶען שְׁמוּעֶסְט אַבִּיסֶל מִיט דִי וַוייבּ, אוּן מֶען גֵייט שְׁלָאפְן, נִישְׁטָא קֵיין שִׂמְחוֹת, נִישְׁטָא קֵיין מְסִיבּוֹת, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא, מְלַמְּדוּת אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע אַחֲרָיוּת.

**קוּנְטְרֵס 'צוּשְׁנַייד מִיךְ נִישְׁט'**

אִיךְ פַארְלַאנְג פוּן אַלֶע מְלַמְּדִים, מֶען זָאל דוּרְךְ לֶערְנֶען דֶעם קוּנְטְרֵס 'צוּשְׁנַייד מִיךְ נִישְׁט', כָּאטְשׁ אֵיינְמָאל אַ וָואךְ, אֲפִילוּ מֶען קֶען עֶס שׁוֹין, דַארְף מֶען זִיךְ אִיבֶּער פְרִישְׁן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, דָאס זֶענֶען וֶוערְטֶער פוּן מוֹהֲרַ"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מִיט גָאר ווִיכְטִיגֶע עֵצוֹת אִין חִינוּךְ.

דֶער ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט פַארְגֶעלֶערְנְט דִי גְמָרָא (סַנְהֶדְרִין צב.): **"אָמַר רַבִּי אֶלְעָזָר, כָּל פַּרְנָס שֶׁמַּנְהִיג אֶת הַצִּבּוּר בְּנַחַת, זוֹכֶה וּמַנְהִיגָם לָעוֹלָם הַבָּא"**, דֶערְנָאךְ הָאט דֶער ראש יְשִׁיבָה גֶעזָאגְט:

**סַבְלָנוּת מִיט דִי קִינְדֶער**

דָאס אִיז הִתְחַזְּקוּת פַאר מְלַמְּדִים, לֶערֶערִינְס אוּן פַאר אַלֶע וָואס לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער; זֵיי זָאלְן ווִיסְן אוֹיבּ מֶען פִירְט זִיךְ מִיט דִי קִינְדֶער 'בְּנַחַת' מִיט סַבְלָנוּת, אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דִי גְרוֹיסֶע בְּרָכָה פוּן 'זוֹכֶה וּמַנְהִיגָם לָעוֹלָם הַבָּא'.

**אִיךְ אַרְבֶּעט מִיט דִיאַמַאנְטְן**

בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אַ 'מְלַמֵּד' אַן אַרָאפּ גֶעקוּקְטֶע זַאךְ, אוּן נִישְׁט נָאר בַּיי דִי וֶועלְט, נָאר בַּיי דִי מְלַמְּדִים אַלֵיינְס, זֵיי קוּקְן זִיךְ אָן ווִי בַּטְלָנִים, זֵיי זִיצְן אִינֶעם 'מְלַמְּדִים צִימֶער' מִיט'ן כַּאלַאט (אַגַּב, אִיז אַ כַּאלַאט אַ גוּטֶע זַאךְ, ווַייל אוֹיבּ מֶען זִיצְט אַ גַאנְצְן טָאג מִיט'ן רֶעקְל, וֶועט מֶען זִיךְ דַארְפְן כְּסֵדֶר קוֹיפְן נַייעֶ רֶעקְלֶעךְ...), אוּן מִיט'ן גֶעלְן הוּט...

דֶער מְלַמֵּד דַארְף טְרַאכְטְן צוּ זִיךְ: **"אִיךְ אַרְבֶּעט מִיט דִיאַמַאנְטְן, אִיךְ אַרְבֶּעט מִיט גָאלְד, אִיךְ אַרְבֶּעט מִיט אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת"**, וָואס הָאט דֶער מֶענְטְשׁ וָואס אַרְבֶּעט מִיט קָאר'ן אוּן הֵייזֶער, וָואס בְּלַייבְּט פוּן דִי גַאנְצֶע אַרְבֶּעט? דֶער מְלַמֵּד אִיז מְזַכֶּה אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט 'תּוֹרָה וּתְפִלָּה', עֶר לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער 'שִׂמְחַת הַמִּצְוֹת', דָאס זֶענֶען זַאכְן וָואס בְּלַייבְּט אוֹיף אֵייבִּיג!.

>>> הַמְשֵׁךְ פוּן עַמוּד ב'

לִיבְּשַׁאפְט אוּן וַוארֶעמְקֵייט, אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט אַז מֶען נֶעמְט מִיר עֶפֶּעס צוּ, אָבֶּער אִיךְ ווַייס נִישְׁט וָואס מַיינֶע מְלַמְּדִים הָאבְּן גֶעטְרַאכְט.

בַּיי אוּנְז אִיז אַיינְגֶעפִירְט אִין דִי ווִינְטֶערְדִיגֶע מוֹצָאֵי שַׁבָּתִים אַז נָאכ'ן זְמַן מוֹצָאֵי שַׁבָּת מַאכְט מֶען 'אָבוֹת וּבָנִים', דִי עֶלְטֶערְן לֶערְנֶען מִיט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, דֶער מְלַמֵּד טֵיילְט טִיקֶעטְס וָואס אִיז אוֹיפְגֶעשְׁרִיבְּן דֶערוֹיף נוּמֶערְן, אוּן נָאכ'ן לֶערְנֶען רוּפְט עֶר אוֹיס וֶועלְכֶע נוּמֶערְן זֶענֶען גֶעוואוּנֶען, הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט פַארְן מְלַמֵּד, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט מַאכְן אַזֶעלְכֶע גוֹרָלוֹת וָואס אַ גַאנְץ ווִינְטֶער זָאלְן דִי זֶעלְבֶּע דְרַיי קִינְדֶער גֶעוואוּנֶען, אוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן ווֵיינֶען, דוּ דַארְפְסְט בְּשַׁעַת'ן אוֹיסְטֵיילְן דִי טִיקֶעטְס שׁוֹין ווִיסְן וֶועלְכֶע נוּמֶערְן וֶועלְן זַיין דִי גֶעווִינֶערְס, אוּן טֵייל זֵיי אוֹיס לוֹיט אַ סֵדֶר אַז אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן אַרוֹיסְקוּמֶען אֵיינְיג צוּ גֶעוואוּנֶען.

**הַמְשֵׁךְ פוּנֶעם שִׁיעוּר קוּמֶענְדִיגֶע וואךְ אִי"ה**

# הַמְשֵׁךְ בְּרִיוּוֹן פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

>>> הַמְשֵׁךְ פוּן לֶעצְטֶע עַמוּד

שְׁפִּירְן ווִי אִיר פֶאלְט פוּן דִי כּוֹחוֹת אוּן אִיר קֶענְט נִישְׁט מֶער אָנְגֵיין וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער אוֹיבּ אִיר וֶועט אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַייעֶר שְׁפְּרַאךְ, אִיר וֶועט אִים דַאנְקֶען אוּן זָאגְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ דַאנְק דִיךְ מִיט מַיין גַאנְצֶע הַארְץ! יִיַשֶׁר כֹּחַ פַאר מַיין זִיסֶע לֶעבְּן, יִיַשֶׁר כֹּחַ פַאר מַיין הֶערְלִיכֶע לֶעבְּן, יִיַשֶׁר כֹּחַ פַאר מַיינֶע זִיסֶע קִינְדֶער, יִיַשֶׁר כֹּחַ פַאר מַיין מַאן, יִיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס"**, אִיר וֶועט אִים לוֹיבְּן בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוֹת אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר גֶעבְּט אַייךְ, וֶועט אִיר שְׁפִּירְן ווִי אִיר בַּאקוּמְט נַייעֶ כּוֹחוֹת.

פְּרוּבִּירְט אוֹיס דֶעם רַבֵּינ'ס וֶועג; דֶער רַבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג פוּן טְרַאכְטְן אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוּקְן אוֹיף דִי נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אִים. דֶער רַבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קצה) דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעזוּכְט גוּטְס אוֹיף וָואס צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף אִים שְׁלֶעכְטְס - הָאט עֶר גֶעזוּכְט אִין דִי שְׁלֶעכְטְס עֶפֶּעס גוּטְס. אַזוֹי ווִי מֶען זֶעט אַז דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן (תְּהִלִּים ד, ב): "'בַּצָּר' - רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ דַאנְק דִיר אוֹיף דִי צָרוֹת, אַז אֲפִילוּ אִין דִי צָרָה 'הִרְחַבְתָּ לִּי' - הָאסְטוּ מִיר בְּרֵייט גֶעמַאכְט"; אַזוֹי זָאלְט אִיר טוּן, אִיר זָאלְט אָנְהוֹיבְּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ, אוּן ווִי מֶער אִיר וֶועט אִים דַאנְקֶען אוֹיף אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ - וֶועט אַייךְ גְרִינְגֶער וֶוערְן אוֹיפְן הַארְצְן אוּן עֶס וֶועט אַייךְ בֶּעסֶער וֶוערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן כֹּחַ וַוייטֶער צוּ מְגַדֵּל זַיין אַייעֶרֶע קִינְדֶער בְּנַקֶל וּבְנַחַת אוּן זֶען פוּן זֵיי אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת

...

(עצתו אמונה חלק ד' סימן תרל"ו)

# קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ

אִין דִי בְּרִיוו אַפְּטֵיילוּנְג

- וָואס טוּט מֶען וֶוען דִי קִינְדֶער פַאלְן נִישְׁט?
- ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ בַּארוּאִיגְן דֶעם מַצָּב צוּפְרִי בַּיים צוּגְרֵייטְן דִי קִינְדֶער צוּם בַּאס?

# חִינוּךְ אַפְּטֵיילוּנְג

אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב

צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט"א
אויף קול ברסלב
**דרוקט: 1-2-4-2**
שמעו ותחי נפשכם

## ווִי אַזוֹי רֶעד אִיךְ צוּ דִי קִינְדֶער אִיבֶּער דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע טֶעְרָאר אַטַאקֶע?

**שְׁאֵלָה**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דִי זְכִיָּ' צוּ פִירְן אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה, אוּן אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן אַן עֵצָה אִיבֶּער דִי לֶעצְטִיגֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע טֶעְרָאר אַטַאקֶע וָואס אִיז פָארְגֶעקוּמֶען פַארְגַאנְגֶענֶע וָואךְ אִין יְרוּשָׁלַיִם, ווִי דְרֵיי אִידִישֶׁע קָרְבָּנוֹת זֶענֶען לֵיידֶער אַוֶועקְגֶערִיסְן גֶעוָוארְן פוּן אוּנְז, הַשֵּׁם יִנְקֹם דָּמָם. דִי קִינְדֶער זֶענֶען זֵייעֶר צֶעשׁוֹידֶערְט פוּן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע מַעֲשֶׂה, עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר זֵיי דָאס צוּ פַארְנֶעמֶען, אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר מְיַעֵץ זַיין ווִי אַזוֹי אוּן ווִיפִיל צוּ רֶעדְן מִיט זֵיי דֶערְוֶועגְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל מֶער נִישְׁט הֶערְן קַיין שְׁלֶעכְטֶע בְּשׂוּרוֹת, אוּן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה בִּמְהֵרָה.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, ל"ז שׁוֹבָבִי"ם, כ"ג שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווַאוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ בִּיסְט אַ מְנַהֵל אִין אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה. זַיין אַ מְנַהֵל אִין אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב, דֶער מְנַהֵל אִיז נוֹטֵל שְׂכַר כְּנֶגֶד כּוּלָם ווַייל עֶר אִיז מְחַזֵּק דִי מְלַמְּדִים מִיט דִי קִינְדֶער, עֶר זֶעט אַלֶעס זָאל זִיךְ פִירְן ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין; אַלֶעס וָואס דִי מְלַמְּדִים לֶערְנֶען מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, תּוֹרָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם.

רֶעד צוּ דִי קִינְדֶער אַסַאךְ פוּן אֱמוּנָה אוּן פוּן גַּן עֵדֶן, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי נִישְׁט וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן. אַז דִי קִינְדֶער פְרֶעגְן אוּן אִינְטֶערֶעסִירְן זִיךְ נָאךְ אַ טְרַאגֶעדְיֶע: 'וָואס אִיז גֶעשֶׁען?' זֵיי פְרֶעגְן כָּל מִינֵי קֻשְׁיוֹת: 'וואוּ אִיז דֶער קִינְד וָואס אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן?' 'וָואס אִיז יֶעצְט מִיט אִים?' דִי אַלֶע סָארְט קֻשְׁיוֹת וָואס קִינְדֶער פְרֶעגְן – זָאלְסְטוּ נִישְׁט בַּאהַאלְטְן, נָאר זָאגְן: "אַ אִיד הָאט צְוֵויי וֶועלְטְן, דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט, אוּן וֶוען מֶען גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט – גֵייט מֶען אִין גַּן עֵדֶן, אוּן ווִי גוּט אוּן ווִי שֵׁיין אִיז פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס הָאבְּן גֶעהִיטְן דִי תּוֹרָה – אוֹיבְן אִין הִימְל, דִי נְשָׁמָה גֵייט אִין גַּן עֵדֶן אוּן הָאט דָארְט אַלֶע גוּטֶע זַאכְן"; רֶעד מִיט בַּאק צֵיין, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי וֶוערְן רוּאִיג.

נָאר אֱמוּנָה בַּארוּאִיגְט, דִי אַלֶע אַנְדֶערֶע מֶעטָאדְן וָואס קוּמֶען פוּן דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם – אִיז אַלֶעס פַאנְטַאזִיעֶס אוּן עֶס בַּארוּאִיגְט נִישְׁט. נֶעבֶּעךְ פַאר דִי וָואס גֵייעֶן צוּ מֶענְטְשְׁן וָואס פַארְרוּפְן זִיךְ הֶעלְפֶערְס, אָדֶער נֶעמֶען דִי קִינְדֶער צוּ טִפּוּלִים וְכַדוֹמֶה, מֶען וֶוערְט דָארְט מֶער צֶעדְרֵייט. דֶער בָּשָׂר וָדָם זָאגְט: "יֶעצְט אָטֶעם אַרַיין אוּן יֶעצְט אָטֶעם אַרוֹיס", "יֶעצְט פְּרוּבִּיר צוּ טְרַאכְטְן פוּן דִי שְׁרֶעק", אוּן "יֶעצְט טְרַאכְט ווִי דִי שְׁרֶעק נֶעמְט דִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּער", "יֶעצְט שְׁרֵיי" וְכַדוֹמֶה; דִי זַאכְן אִיז פַאר אוּמוֹת הָעוֹלָם, אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן אֱמוּנָה, אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן נָאךְ אַ וֶועלְט, אִיז נִישְׁטָא וָואס צוּ זַיין דֶערְשְׁרָאקְן.

אַזוֹי פְלֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי טוּן וֶוען עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אִים מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר נִישְׁט גֶעזוּנְט, פְלֶעגְט דֶער רֶבִּי זֵיי זָאגְן זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט זָארְגְן פוּן שְׁטַארְבְּן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תמה): "מַה לָּכֶם לִדְאֹג מִן הַמִּיתָה?", וָואס זָארְגְט אִיר זִיךְ פוּן שְׁטַארְבְּן? "הֲלֹא שָׁם הוּא עוֹלָם נָאֶה בְּיוֹתֵר מִכָּאן", אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז פִיל אַ שֶׁענֶערֶע וֶועלְט ווִי דָא.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַקּוֹדֶשׁ, זַיי מְחַזֵּק דִי מְלַמְּדִים. דֶער עִיקָּר אַרְבֶּעט פוּנֶעם מְנַהֵל דַארְף זַיין גֶעבְּן יֶעדְן טָאג אַ גוּט וָוארְט פַאר יֶעדְן מְלַמֵּד בַּאזוּנְדֶער, נִישְׁט נָאר וֶוען עֶס אִיז דָא עֶפֶּעס צוּ קְרִיטִיקִירְן דֶעמָאלְט נֶעמְט מֶען אַפִיר דֶעם מְלַמֵּד, נָאר יֶעדְן טָאג גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סִפְרִי נָשֹׂא, פִּיסְקָא א): "אֵין מְחַזְּקִין אֶלָּא לִמְחוּזָּקִין"; מֶען דַארְף מְחַזֵּק זַיין דִי וָואס גֶעבְּן חִיזּוּק; דִי מְלַמְּדִים אַרְבֶּעטְן בִּיטֶער שְׁוֶוער, דַארְף מֶען זֵיי מְחַזֵּק זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה קוּנְטְרֵס 290 פַּרְשַׁת תְּרוּמָה תשפ"ג)

## אִיךְ ווִיל מְחַנֵּךְ זַיין מַיינֶע קִינְדֶער, אָבֶער אִיךְ פַאל פוּן דִי כּוֹחוֹת

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ חֲסִידִי'שֶׁע אִידִישֶׁע מַאמֶע, אוּן אִיךְ בִּין זִיךְ מוֹרָא'דִיג מְחַיֶּה מִיט דִי טֶעגְלִיכֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזּוּק, עֶס הָאט מַמָּשׁ גֶעטוֹישְׁט מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן צוּם גוּטְן.

אִיךְ ווִיל זֵייעֶר אַרַיינְלֵייגְן אִין מַיינֶע קִינְדֶער אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ אִידִישְׁקֵייט, צְנִיעוּת אוּן אֱמוּנָה. הַלְוַאי וָואלְט אִיךְ זֵיי גֶעקֶענְט אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי בְּרֶסְלֶב'עֶר מוֹסְדוֹת, אָבֶער דֶערְוַוייל אִיז דָאס נִישְׁט מֶעגְלִיךְ, פְּרוּבִּיר אִיךְ כָאטְשׁ אִיבֶּערְצוּגֶעבְּן פַאר זֵיי ווִיפִיל אִיךְ קֶען, פוּן וָואס אִיךְ הֶער אוּן אִיךְ לֶערְן פוּן דִי שִׁיעוּרִים.

דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶער אַז אַסַאךְ מָאל פַאל אִיךְ מַמָּשׁ פוּן דִי כּוֹחוֹת, אִיךְ שְׁפִּיר זֵייעֶר טְרוּקְן אוּן שְׁוַואךְ, אוּן אַסַאךְ מָאל בִּין אִיךְ אַזוֹי אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט אַז אִיךְ הָאבּ אֲפִילוּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אִיךְ קֶען יָא עֶפֶּעס בֶּעטְן, בֶּעט אִיךְ נָאר אוֹיף כֹּחַ אוּן גֶעדוּלְד. אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א עֶפֶּעס אַן עֵצָה אוּן הַדְרָכָה פַאר מִיר? אֶפְשָׁר עֶפֶּעס אַ סֵפֶר אָדֶער קוּנְטְרֵס וָואס אִיךְ קֶען לֵיינֶען אוּן דָאס וֶועט מִיר הֶעלְפְן?

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ"ג אִיָּיר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

ווַאוֹיל אִיז אַייךְ אַז אִיר לֵייגְט אַרַיין אִין אֵייעֶרֶע קִינְדֶער אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ אִידִישְׁקֵייט. דִי עִיקָּר חִינוּךְ בַּאקוּמֶען דִי קִינְדֶער פוּן דִי עֶלְטֶערְן; אַז דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען מְחַנֵּךְ דִי קִינְדֶער מִיט וַוארֶעמְקֵייט אוּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט וֶועלְן דִי קִינְדֶער אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

אִיר דַארְפְט זִיךְ נִישְׁט צְווִינְגֶען אַרַיין צוּ לֵייגְן דִי קִינְדֶער אִין בְּרֶסְלֶב; 'אִיר' זָאלְט זַיין זֵייעֶר 'בְּרֶסְלֶב'עֶר מוֹסָד', אִיר זָאלְט זֵיי גֶעבְּן וָואס דִי בְּרֶסְלֶב'עֶר חֵדֶר אוּן סְקוּל גֶעבְּט פַאר דִי קִינְדֶער, אִיר זָאלְט רֶעדְן צוּ זֵיי פוּן דִי שֵׁיינְקֵייט אוּן זִיסְקֵייט פוּן זַיין אַ אִיד.

עֶלְטֶערְן דַארְפְן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן ווִיסְן דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן גֵיין אֵיידְל אָנְגֶעטוּן אוּן דָאס אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר זֵיי אוֹיף אַ זִיסֶע וֶועג, נִישְׁט אוֹיף אַ וֶועג וָואס דִי קִינְדֶער זָאלְן מֵיינֶען אַז צְנִיעוּת אִיז אַ קְנַס אָדֶער אַ שְׁטְרָאף, אוּן נָאכְדֶעם וֶועלְן זֵיי זוּכְן וואוּ זֵיי קֶענֶען אַנְטְלוֹיפְן פוּן דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה אוּן זִיךְ אָנְטוּן נִישְׁט אֵיידְל חַס וְשָׁלוֹם.

אִיר בֶּעט אַן עֵצָה אִיר זָאלְט הָאבְּן כֹּחַ אָנְצוּגֵיין מִיט דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט; דִי עֵצָה אִיז אִיר זָאלְט אָנְהוֹיבְּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי נִיסִים אוּן חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ. ווִי מֶער אַ מֶענְטְשׁ דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן – בַּאקוּמְט עֶר מֶער כּוֹחוֹת אָנְצוּגֵיין מִיטְן לֶעבְּן, ווִי מֶער מֶען לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט – בַּאקוּמְט מֶען הִימְלִישֶׁע כּוֹחוֹת אוּן מֶען קֶען אָנְצִיעֶן זֵייעֶר אַסַאךְ. פְּרוּבִּירְט דָאס אוֹיס וֶועט אִיר זֶען ווַאוּנְדֶער אִיבֶּער ווַאוּנְדֶער, אֲפִילוּ אִיר וֶועט

המשך אין עמוד ג'>>>

צו העלפן די מערכת מיט'ן אויפטייפן די שיעורים אין חינוך ועוד, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876